

תורת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתבי הק'
ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

פרשת מצורע תשפ"ד | גליון קיב

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### די גלות און די גאולה זענען געוואנדן אין "לשון הרע"

בדרך רמז - זאגט דער אור החיים הק' - איז די פרשה פון מצורע רומז אויף "גלות כלל ישראל", אזויווי דער זוהר הקדוש זאגט (ח"ג רלב:) אז די אומות העולם זענען אזויווי "**צרעת**" פאר די אידן. ווייל ווען די אידן זענען צוזייט און צושפרייט צווישן די אומות העולם, קוקט דאס אויס כאילו זיי זענען געשלאגן מיט א "**נגע צרעת**".

די סיבה פארוואס די אידן זענען אין גלות איז פאר די זעלבע סיבה וואס מ'באקומט א "נגע צרעת". א נגע צרעת קומט פאר'ן רעדן לשון הרע, און חז"ל זאגן, אז ווען משה רבינו האט געזען אין מצרים אז צווישן די אידן זענען דא מספרי לשון הרע האט ער געזאגט: "**אכן נודע הדבר**" - יעצט ווייס איך שוין פארוואס די אידן ליידן אין גלות... זעט מען אז די גלות קומט וועגן די חטא פון לשון הרע, וועגן דעם געפונט מען זיך צווישן די גוים וואס זענען צוגעגליכן צו "צרעת".

אזוי אויך שטייט אין מדרש (במדבר רבה כ, כב) אז די אידן זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים נאר ווייל עס זענען נישט געווען צווישן זיי מספרי לשון הרע. ווייל נאך וואס מ'האט שוין פארראכטן דעם חטא פון לשון הרע, האט מען שוין נישט געדארפט געשלאגן ווערן מיט קיין "צרעת" - צו זיין צווישן די אומות העולם.

לייגט צו דער רבי א לשון: "**גם אין לך דבר שמרחיק האדם מן קונו כלשון הרע**", ס'איז נישטא נאך א זאך וואס טוט אזוי דערווייטערן דעם מענטש פונעם אויבערשטן ווי לשון הרע!

טייטשט ער דעם פסוק: "**זאת תהיה תורת המצורע**" דאס רעדט די תורה לגבי דעם "**מצורע**" - דאס גייט ארויף אויף כלל ישראל וואס זענען אין גלות ווי א מצורע ר"ל, אז וואס איז זייער עצה? "**ביום טהרתו**" - זיי זאלן זיך צוריק מטהר זיין פון "לשון הרע", און דעמאלט "**והובא אל הכהן**" וועלן זיי גלייך צוריק נאנט ווערן צום אויבערשטן וואס ווערט אנגערופן "**כהן**". און די תורה זאגט "**והובא**" - ער זאל געברענגט ווערן, ווייל ביז יעצט איז ער נתרחק געווארן, אבער די מינוט וואס ער טוט תשובה ווערט ער צוריק נאנט צום אויבערשטן. אזויווי ס'שטייט א פסוק: "**כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו**" אז די אידן זענען נאנט צום אויבערשטן.

זאגט די תורה ווייטער: "**ויצא הכהן אל מחוץ למחנה**" ווען די אידן וועלן תשובה טון וועט דער אויבערשטער ארויסגיין מלחמה האלטן מיט די אומות העולם וואס זענען געקומען מלחמה האלטן מיט די אידן, אזויווי עס שטייט א פסוק (זכריה יד, ג) "**ויצא ה' ונלחם בגוים ההם**". און דאס הייסט כאילו דער אויבערשטער גייט ארויס "**חוץ למחנה**", ווייל חוץ לארץ איז א מקום טמא, און ווען דער אויבערשטער גייט דארט ארויס, הייסט עס כאילו ער איז ארויס פון זיין "מחנה שכינה" - ארץ ישראל.

"**וראה והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע**" דער אויבערשטער זעט טאקע אז די אידן זענען שוין אויסגעהיילט געווארן פון די צרעת - זיי האבן שוין תשובה געטון און זיך אפגערייניגט פון לשון הרע.

"**ולקח למטהר שתי צפרים**" איז רומז אויף "משיח בן אפרים" און "משיח בן דוד", ער וועט שיקן משיח מטהר צו זיין די אידן פון אלע טומאות,

"**ואחר יבא אל המחנה**" נאכדעם וועלן די אידן צוריקקומען צו מחנה שכינה - ירושלים עיר הקודש וואס גייט אראפקומען געבויעט פון אויבן.

## פניני חיים

פנינים מובחרים משעבדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל
לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ.** (יד, ב)

דער מדרש (ויק"ר טז) דרש'ענט די ווארט "**מצורע**" אז דאס מיינט "**מוציא רע**" ער האט גערעדט לשון הרע. איז לכאורה שווער, פארוואס זאגט דאס דער מדרש דא ווען די תורה רעדט שוין פון זיין טהרה, ס'וואלט געדארפט שטיין אנפאנג פרשת תזריע, ווא די תורה רעדט וויאזוי ער באקומט די נגע צרעת פאר זיין זינד?

נאר היות די תורה הייסט דא נעמען **צוויי פייגלעך** מטהר צו זיין, ווייל דאס איז **כעין זיין חטא** - אז ער האט געפלוידערט ווי טויבן וואס קוויטשען אגאנצן צייט, וועגן דעם איז דייקא דא מרומז אז זיין חטא איז געווען אז ער האט גערעדט לשון הרע.

**וְהֶעֱמִיד הַכֹּהֵן הַמְטַהֵר אֵת הָאִישׁ הַמִּטַּהֵר...** (יד, יא)

די תורה זאגט אן "**והעמיד הכהן... את האיש המטהר**" אז דער כהן זאל **אפשטעלן** דער וואס ווערט גערייניגט ביים ארייגאנג צו די עזרה, און אכטונג געבן אז ער גייט נישט אריין אינעווייניג. ווייל וויבאלד ער האלט שוין אינמיטן ווערן גערייניגט, און ער שטייט נאכדערצו ממש ביים טויער, און ער דארף ארייגשטעקן זיין האנט אינעווייניג צו מאכן "סמיכה" אויפן קרבן, איז דא א שטארקע חשש אז ער וועט זיך פארגעסן און זיך ארייגכאפן אין עזרה, און באמת איז ער נאך "מחוסר כפרה" און טאר נאכנישט אריינגיין, וועגן דעם האט דער כהן געמוזט שטיין ביים טויער אים אפצוהאלטן נישט אריינצוגיין.

**וְצִוָּה הַכֹּהֵן וּפִנּוּ אֶת הַבַּיִת בְּטֶרֶם יָבֹא הַכֹּהֵן לִרְאוֹת אֶת הַנֶּגַע.** (יד, לו)

וואס פעלט אויס צו אויסליידיגן די שטוב נאך איידער דער כהן קומט זען די נגע, אפילו נאכ'ן זען די נגע ווערט דאך נאכנישט די שטוב טמא ביז דער כהן פארשליסט עס?! נאר וויבאלד ווען דער כהן זעט אז די נגע איז טמא מוז ער גלייך פארשליסן די שטוב, איז דא א חשש, אז ווען ער וועט זען אז ס'איז טמא, וועט ער תיכף הייסן שנעל אויסליידיגן אלע כלים, און פון גרויס איילעניש וועט מען נישט אינאכט נעמען די קליינע ביליגע כלי חרס און מ'וועט דאס דארפן צוברעכן. וועגן דעם האט די תורה געהייסן שוין פארדעם אלעס ארויסטראגן, כדי ס'זאל נישט טמא ווערן "**כל" אשר בבית**, אפילו די קליינע ביליגע כלי חרס אויך נישט; "**כי חס ה' אפילו על ממון הבזוי של ישראל**"!

## הלכה ודרוש

# האם גם בספק מצוות עשה נחלקו השיטות אם ספיקא דאורייתא לקולא

וּדְבָרָיו ז"ל קְצָת דְּחוּקִים, וּבִפְרָט לְכַת הַפּוֹסְקִים (רמב"ם ועוד) שֶׁסּוֹבְרִים שֶׁסָּפֵק דְּאוֹרָיְתָא שֶׁמֻּתָּר מִן הַתּוֹרָה, לֹא יַעַמְדוּ דִּבְרֵי הָרַב עָלָיו הַשָּׁלוֹם לַמְעַיֵּן בִּדְבָרָיו (יד ז).

רבינו מביא את דברי **ה'משנה למלך'** שהביא ברייתות שיש מיעוט למעוטי חג הסוכות ממצה, ויש מיעוט למעוטי חג המצות מסוכה, ותמה על כך, למה צריך ב' מיעוטים, הרי גם בלא שום מיעוט לא יתכן לחייב שניהם, שרק החמור שבשניהם ניתן ללמוד מן הקל. **והמשל"מ תירץ**, שלולא המיעוטים, היינו מחמירים ומחייבים שניהם, דהיינו בסוכות אכילת מצה, ובפסח ישיבה בסוכה, מכח ספק בפירוש הפסוקים. אמנם, רבינו הקשה, שזה לא יתיישב לדעת הפוסקים דס"ל ספיקא דאורייתא לקולא.

**ובשו"ת מהרש"ם** (ח"ד סי' ס"ו) הוכיח מכאן, שרבינו סובר שבין בלא־תעשה ובין בעשה הוי פלוגתת הרמב"ם והרשב"א אם יש להחמיר בספק דאורייתא, או להקל. והיינו, שמקושיית רבינו על המל"מ, מוכח דגם ספק חיוב מצות עשה, תלוי בהאי פלוגתא של הרמב"ם והרשב"א, האם מה"ת אזלינן לקולא בספיקא דאורייתא, דלהרשב"א אזלינן לחומרא, ולהרמב"ם אזלינן לקולא.

וכן מוכח להדיא **מדברי רבינו בספרו ראשון לציון** על מס' חגיגה (ד, א), שבגמ' שם הקשו, למה הוצרך קרא למעט טומטום מחיוב קרבן ראיה, 'טומטום ספיקא הוא, מי אצטריך קרא למעוטי ספיקא'. וכתב רבינו, שמסוגיא זו מוכח לכאורה, כהסוברים דספיקא דאורייתא לקולא מה"ת, ומשום כך לא הוצרך קרא למעט, כיון דבלא"ה אנו יודעים שפטור מספק. אבל, להסוברים דספיקא דאורייתא לחומרא מה"ת, קשה, שהרי לולא הפסוק היינו מחייבים אותו מספק ככל ספיקא דאורייתא, וא"כ צריך קרא למעט.

וכתב, שאכן זה הוקשה להם להתוספות (שם סוד"ה אלא), שיתחייב מספק לקיים מצות ראיה, והקרבן יביא על תנאי, דאם הוא אשה להוי נדבה. ותירצו, דאינו יכול לעשות כן, דמבטל מצות סמיכה. וסיים רבינו, כי לפי"ז אין להוכיח מהאי סוגיא אם ספיקא דאורייתא מה"ת לקולא אם לחומרא, עיי"ש באריכות. עכ"פ מוכח מדבריו, דאף בספק חיוב במצוות עשה הוי פלוגתא זו.

ברם, נחלקו בזה גדולי הפוסקים, ושלושה שיטות בדבר:

שיטה א' - **דבספק במ"ע לכו"ע אזלינן לחומרא**, דעשה חמיר ואלים מל"ת, דהא מהאי טעמא עשה דוחה לל"ת, ולכך אלים גם לענין ספק.

אמנם, **החוות דעת** (יור"ד סי' ק"י בתחילת בית הספק) ביאר הטעם בזה, שכל מה שכתוב בתורה היינו ודאי, ולא ספק, ולכן צריך שהמצוה ג"כ תהיה ודאי, ואם לא כן לא יצא. והו"ד בשו"ת אבני נזר (יור"ד סי' של"ד אות י"ט). ועל דרך זו כתב **בשו"ת מוצל מאש** (סי' מ"א): דכל הני הם מצוות עשה דציוה לנו השי"ת שנעשה קרבן לכפר או לטהר או לאכול, ויהיה תמים וכשר ככל חוקותיו וככל משפטיו ואז יעלה לרצון, עכ"פ צריך שיהיה תמים וכשר בוודאי ולא מספק, ע"כ.

וכן כתב **בשו"ת כתב סופר** (או"ח סי' ח'): הלא כבר השריש לנו החוו"ד, וכן קיים מדנפשיה אבא מאוה"ג זצ"ל [החת"ס], והוא בכתובים בכתבי הקודש שלו, דבספק אם קיים המצוה גם לרמב"ם ספיקו מה"ת להחמיר, דלא דברה תורה על הספק, ע"כ. ולפי דבריהם, כל זה רק באופן שבוודאי מחויב במצוה, שממילא אינו נפטר ממנה ע"י קיום המצוה בספק, משא"כ בנידו"ד שהספק הוא אם יש חיוב בכלל.

ובשו"ת **יהודה יעלה** למהר"י אסאד (אהע"ז סי' רנ"ו אות י"א) ביאר באופן אחר, לפי מה שהעלה הפרי חדש, דבאיתחזק איסורא גם הרמב"ם מודה דספק מה"ת להחמיר, וא"כ בספק מצוה ג"כ אוקי גברא בחזקת חיוב שלא קיים עוד המצוה.

שיטה ב' - דעת **הפרי חדש** (או"ח סי' קפ"ד) **והשאגת אריה** (סי' כ"ה) דגם זה תלוי במחלוקת הרמב"ם והרשב"א, וכן נראה לכאורה דעת רבינו כנתבאר בפנים. [אמנם, לפי המבואר לעיל, י"ל שבאופן שבוודאי מחויב במצוה, גם רבינו מודה שאינו נפטר ממנה ע"י קיום המצוה בספק].

שיטה ג' - דעת **הפרי מגדים** בכמה מקומות (או"ח סי' י"ז א"א סק"ב; סי' שד"מ מש"ז סק"א; תיבת גומא פר' ויקרא; ועוד) דאפי' להרשב"א דס"ל דספיקא דאורייתא לחומרא, הוא רק בספק איסור, אבל בספק מצוה לכו"ע אזלינן לקולא. וראה עוד **בברכת שמעון** מה שהאריך בדברי רבינו כאן. וע"ע בשו"ת **יביע אומר** (ח"ח יור"ד סי' כ"א אות ד') שהאריך בכל זה.

## אגדה וחסידות

# בכח התורה נתקן ונזדכך יסוד העפר שבגוף

**וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְשָׁחַט אֶת הַצִּפּוֹר הָאֶחָת אֶל כְּלִי חֶרֶשׂ עַל מַיִם חַיִּים.** 'וְשָׁחַט'. כָּאן רָמַז לַהֲרִיגַת מָשִׁיחַ בֶּן אֶפְרַיִם בְּמַאֲמָרוֹ יִתְבָּרַךְ "אֶל כְּלִי חֶרֶשׂ עַל מַיִם חַיִּים", פֵּרוּשׁ, בִּשְׁבִיל כַּפָּרַת הָעָם פִּדְיוֹן נַפְשָׁם. וְכִנָּה אוֹתָם "כְּלִי חֶרֶשׂ", עַל דֶּרֶךְ "וַיִּיצֶר ה' אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם עָפָר מִן הָאֲדָמָה", שֶׁהִיא כְּלִי חֶרֶס.

וְהַכַּוָּנָה בָּזֶה, לְצַד שֶׁנִּשְׁאֲרוּ כִּכְלִי חֶרֶס שֶׁעוֹמֵד לִשְׁבִירָה לְצַד גִּרְעוֹן הַתּוֹרָה הַמִּתְיַחֶסֶת לְמַיִם חַיִּים, עַל סִבַּת "מַיִם חַיִּים" שֶׁאֵין בְּיִשְׂרָאֵל תּוֹרָה, וְעַל זֶה "תִּשָּׁחֵט הַצִּפּוֹר הָאֶחָת" (יד ט).

מה שכתב רבינו, שכאשר יש בישראל גרעון התורה חלילה, הם נשארים ככלי חרס שעומד לשבירה, יתבאר היטב, ע"פ דבריו בספר 'ראשון לציון' על משלי (פרק ב') שהגוף שהוא מיסוד העפר אין לו טהרה, וככלי חרס שאינו יוצא מידי דפיו, ולכן צריך שבירה שהיא המיתה, **זולתי באמצעות התעצמות בעסק התורה יכול להוציאו מידי דופיו.**

וזל"ק: הנה תמצא כי כל זה [- טבילה, תעניות, יגיעת התורה] הוא תקון לג' יסודות שבגוף, שהם אש רוח מים, אבל עפר אודיעך קושט אמרי אמת שדינו כדין האיסורין, דהלכה רווחת 'אין כלי חרס יוצא מידי דופיו לעולם' (פסחים ל, ב), ולזה לא עלתה לאדם הראשון כאשר חטא ובלע כלי חרס שלו איסור, אין לו תקוה אלא לשוב לכבשן האש מוצאו שנתבשל בו (שו"ע או"ח סי' תנא ס"א, יור"ד סי' קלה סי"ד), והוא לשוב אל הארץ אשר לוקח ממנה.

ותמצא, כי **יש צדיקים אשר הרבו ללבן גופם בתורה עד שהוציאו דופיו ממנו**, ואלו נרמזים, דתמצא דכלי זכוכית הם מן העפר (שבת טו, ב) ואף להם נתנו חכמים שיעור כי שבירתם זו היא טהרתן, שלא יועיל להם כמה וכמה. ולזה, **משה רבנו ע"ה לא הועילה לו רוב תורתו ונפטר והוכרח לשבירה**. האמת, כי שבירתו אינה חשובה שבירה כלל, כי כבר הוא מהותך מדופיו אשר בלע בימי אדם.

ולזה שמעתי מתלמיד חכם אחד משם המפרשים אמתני' (עיין סוטה מח, ב) דמיום שמת רבי **בטלה זכוכית לבנה - היא זַכּוּת הגוף, כך שמעתי**. וכפי דברינו יתבאר פירוש הענין כמין חומר, כי למה לא יראו להמשיל הענין אלא לזכוכית הלבנה, אלא לומר כי כולם **התנאים הקדושים** ע"ה היו הם וכיוצא בהם שימצא גופו מלובן ולא יצטרך למיתה שהיא השבירה, אלא מצד שיסודו בעפר וכבר אמרה תורה שאין כלי חרס יוצא מידי דופיו אלא בהחזירו אל כבשן האש, וכלי זכוכית הם חרס.

וזה **ישיגנו ברוב עסק התורה, והקדושה, שלא יצטרך למיתה**, אלולי חטא אדם הראשון, והגם שימות אין מיתתו נקראת מיתה אלא שכיבה (עיין ב"ב קטו, א). ואפשר לרמוז זה בקרא, דכתיב (במדבר יט, יד) "זאת התורה אדם כי ימות באהל", פירוש, כי מועלת התורה ללבן ולזכך האדם כאשר מועלת המיתה לגוף לעכלו, 'זאת התורה' היא עושה כמו "אדם כי ימות" וגו'. עכל"ק.




# נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה'

### לארעא קדישא דישראל

רושם יציאתו של רבנו מן הערים בהן התגורר ושהה, נותר בהן. אך רושם עלייתו לארץ ישראל - לדורות עולם הוא. קצרי ראות אנו להכיר בעומק משמעות הגעתו של צדיק יסוד עולם לשכון בעיר אלוקים, אך ניתנו לנו כמה מלים מקולמוסו של אחד הגאונים הנודעים שזרח אורו לאחר הסתלקות רבנו ופעל בארץ רחוקה, הוא הגאון רבי אפרים זלמן מרגליות מבראדי זצ"ל. בהסכמתו לספר 'פרי תואר' (מהדורת זאלקווא תק"ע), כתב רבי אפרים זלמן: "וחל עלינו חובה, להכיר בטובה, אשר הטיב ה' עמנו, וברוב חסדיו הגדיל לנו. דקאי צדיק במערב ואהדר ואוקי ליה למזרח, להזריח לישרים אור תורתו, ולקדש עמו ישראל בקדושתו בחצרות ה' בתוככי ירושלים. שם ישב בפתח עינים, שם ירעה, ושם רבץ תורה והעמיד תלמידים הרבה גדולי הדורות. לן בעומקה של הלכה ואליו נגלו המון נסתרות, והאציל מן הרוח אשר עליו לתלמידיו, ויפח באפם נשמת חיים. ביום ההוא יצאו מים חיים מירושלים" ---

נכספה נפש רבנו ואיוותה בטהרתה לעלות לארץ ישראל, כדי לקדש את עמו ישראל בקדושתו בחצרות בית ה' בתוככי ירושלים, להרביץ תורה ולהעמיד תלמידים באוירה המחכים של ארץ ישראל. למרות שידע בבירור כי יוכל להרבות גבולו בתלמידים מקשיבים בקהילות איטליה, שכן התפרסם כאיש אלוקים קדוש וכל חכמי המדינה חרדו לקראתו ונישאו את שמו, והגם שהדרכים בחזקת סכנה והמצב הכלכלי בירושלים היה דחוק וחכמי העיר היו תלויים בתמיכות מחוץ לארץ - את הכל היה שווה בעיניו לסכן, כאשר לנגד עיניו המטרה הנכספת. כי לא עלייתו בעצמו לארץ ישראל היתה בעיניו השאיפה היחידה, אלא הקמת הישיבה והרבצת התורה בירושלים. ביטוי לדבר אנו מוצאים בהסכמת חכמי ליוורנו לספר 'פרי תואר', שכתבו: "נר המערב"י, אשר האיר בק"ק סאלי ובכל גבולו סביב, עד שיאותו לאורו כל בני דורו, באור פני מלך חיים. הנה שכרו אתו ופעולתו, אשר עזב את ארץ מולדתו, ואת יקר תפארת גדולתו, ויצא ועשה את עולת"ו [מלשון עלייה], זאת עול"ת קדש בקדשו, אל הר חמד אלהים לשבתו. וענתה בו צדקתו, צדיק באמונתו, כי רוח ה' נוצצה בו, ניצוצי קדושה, מקבילות הלא לאות".

גם בהסכמת חכמי מודונא לספר 'אור החיים', הזכירו את שאיפת הקודש שהדריכה את רבנו, להביא עמו לירושלים את תלמידיו וללמדם שם תורה: "זאת הפעם השמש ממער"ב יצא על הארץ, צבי היא לכל הארצות, ליטע שמים החדשים וארץ הקדושה בארץ נכוחות, ויסו"ד דת"ו בהררי קדש, לעלות בהר ה' ולקום במקום קדשו, ואל מקומו שואף זורח הוא שם שם לו חק ומשפט, ואחריו קו"ל ישרי לב, בלכתו ילכו, ובעמדם יעמדו לשמור את דרך עץ החיים. ולא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כולו יצא, להקיש אליו, ולהגיש אליו כל הקרב הקרב קרבת אלהים יחפצון, להיות זוכה ומזכה את הרבים, והשתחוו לה' בהר הקודש בירושלים. כרועה עדרו ירעה בשושנים ששונים, בזרועו יקבץ נדחי ישראל יכנס כינוס לצדיקים, ריבה וקיבץ פעלים לתורה ולתעודה פעולת צדיק לחיים, ופעולתו לפניו ליראי ולחושבי שמו, ואת הקדוש והקריב אליו, ואת אשר יבחר בו יקריב אליו הבוחר בירושלים".

### "קול יצא מלפני ה'"...

רבנו עצמו תיאר את שאיפותיו בעלייה לירושלים, במכתב ששיגר לקהילת קסאלי שבאיטליה, בחודש אדר תק"א, בו גולל את קורותיו ושאיפותיו הקדושות. היתה זו קהילה חשובה, שבראשה עמד הגאון רבי שבתי אלחנן מן הזקנים זצ"ל, שהרב חיד"א זצוק"ל הזכירו בכתבי מסעותיו והכתירו בתואר "הרב הגדול מופת דורנו". היות ורבי שבתי אלחנן היה תלמיד מובהק להגאון רבי יצחק לאמפרונטי זצ"ל, שנקשרו עבותות של ידידות בינו לרבנו בעת שביקר בפיראר‌ה, התבקש רבי יצחק לאמפרונטי וניאות להעביר את המכתב לתעודתו. אגרת זו, מן הבודדות שנותרו ממה שכתב רבנו, פותחת צוהר לשגב שרעפיו באותם ימים:

מקרא זה בא ללמד, ולא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כלו יצא, קסת הסופר ממ"תני, לקרוא באזני זרע ברך ד' קריאה של חבה, קריאה של מצוה רבה.

כי קול יצא מלפני ד' בלב כל בחירי המוני עם אלוקי אברהם, נאספו ממזרח וממערב, הללו דרך אניה בלב ים והללו ממדבר הרים, לעלות לעיר סביב לה הרים, להתגולל בעפרה... לומר די לצער הפרידה, אולי יתעשת ד' לנו ונהיה באור החיי"ם.

והדברים עתיקים. וכבר הגיעו הדברים לאזן מילין תבחן, את אשר הערה נפשו הרמה הנשר הגדול קדוש ישראל תנא דאורייתא מלך, חיים אבולעפיא [הגה"ק רבי חיים אבולעפייא זצוק"ל, רבה של טבריה, שביקש שרבנו יקבע מקום מגוריו בטבריה וימלא את מקומו בהנהגת העדה. כאשר יורחב ויתואר בפרקים הבאים], הדור ונעים די המלכא יעול בהיכליה, וכבר זכה מי שזכה בו מהגולה ויחידי סגולה.

והן עתה אזרתי עור במתני, ונתעוררתי ואמרתי עת לעשות לה'. הן הנה הגבורים גבורי כח בתורה, אמיץ כח, נסעו יחדיו, חד לפנים וחד לאחור, ושמו פניהם אל המקום אשר בחר בו ד', ירושלים הקדושה והעליונה עיר היונה. ואנכי אחור לא נסוגותי, וממקומי נסעתי, וסוד מתקתי עם חברתי עלה נעלה את פני ה' וחלה מפניו כל בשר, הן כביר לא ימאס, נתעדן לפניו בעדון זה בזאת התורה, אשר לה ה' קורא אורה, ואותה שעשועיו יקרא, אותה יום יום ידרוש[ו], ופיפיותינו ממנה לא יחרשו. וקול שאגתנו מעיר, קול מהיכל, אהבת הבנים יבעיר, ולילה כיום יאיר, עד מתי ה' תשכח יתומי עיר, עד מתי לא יהמו רחמי העיר היונה נאהבה ונעלבה, וצועקת הבה אלי פדיום הבה. צר לי לאם תבכה, הבת ירושלים ממררת - מי לידידי בביתי. ויהיו פיפיותינו בעדנו ובעד כל תפוצותינו, עד ה' רחמיו לנו יעיר, לומר - הקולך זה בני צעיר. קומו ונעלה אל הר ה' בבנינו ובבנותינו, ושם נועדה על התורה ועל התעודה לקיום כל דבר, כל הכתוב לחיים בירושלים, יהי' שם ד' מבורך.

במענה רך לנפשי אמרתי, ובעיני עצמי נקליתי, וממקום מושבתי נדדתי על נדוד, נד ממקומו ועזב לאומו והדומו. ואוריד לארץ ראשי על כנף כבודי ומרים ראשי, ואצא סובב סביבות הנפוצות נדחי צאן אסופות [... ... ...] לטעת נטעי גן אלקים חיים. עשרה המה העומדים ברמה, אשר קדשו נפשם לשרש בארץ גזעם בעסק התורה, באהבת ד' ומורא, ללמוד וללמד לכל בא ולומד, גם לחזר אחרי ילידי עם ד' לאמר להם - בא ברוכי ד', זו תורה וזו שכרה, ועל שכמם תהיה המשרה לרומם דגל התורה. והמה חכמים מחוכמים, על פלגי מי יראת ד' שתולים, וקרא זה אל זה דודי וזה רעי באהבה רבה אהבת עולם, רצון ד' יחפצו שואלים, ובעד עמוסים מתפללים למול מקום שכנה בו שכינה, לשוב בנים על שלחן אביהם ברינה, ולהעטיף עדת אל' בשמלת החמלה, זאת תורת העולה, ולכסותם במכסה החנינה, להעלותם קרית דור חנה, ולהקיפם בהקף החסדים.

וכבר קהלות איטליא ד' ישמרם שלחו זרועותיהם וחצנו [ותקנו] הדבר והוקם על.

ומעתה אליכם אישים אקרא: כל הרוצה להיות בכלל הברכה עליו תבא ברכת טוב חיים עד העולם. וכל הרוצה ליטול את השם ליכנס בכלל החברים המיסדים מדרש זה, אשר נקרא שמו 'מדרש כנסת ישראל', הן יגיע לו חלק כחלק יחד עם כל החברים ראשונים ואחרונים.

וסדר מדרש זה הוא על זה האופן - תלמוד תורה מן הבקר ועד הערב בחברה למעלה מעשרה, והמה חכמים מחוכמים בכתר היראה ואהבה והענוה מוכתרים. גם לשים לילות כימים בעסק התורה. ובתחנונים מול שוכן מעונים, בעד כללות עם אמונים. ולברך ביחוד כל החברים בשבתות וימים טובים מול כותל מערבי אשר שם שכינה שורה. גם לשים חרות בכתב מפורש לכבוד ולתפארת ולזכרון לפני ד' שמות בני ישראל יחיד ורבים המחזקים בקימה שיש בה הדור לחכמי מדרש הנזכר ה' ישמרם.

והיה לאות כתב ידי זה לקיים כל דבר, כי כל הכתוב לחיים בירושלים תוב"ב.

עבד ד' ויראיו חיים ן' עטר

סדר ושנה 'ואתה ת'צ'ו'ה את בני ישראל' לפ"ק



# ארויסלערנען הנהגות "הלכה למעשה" פונעם אור החיים הקדוש [ב]

## "יששכר זבולון" שותפות

צוויי אידן זענען אמאל געקומען צו הרה"ק ר' **יעקב יוסף מסקווירא** זי"ע מיט א דין תורה. זיי האבן געהאט אפגעמאכט צווישן זיך אויף א "יששכר זבולון" געשעפט, היות אז איינער פון זיי זיצט און לערנט, און דער צווייטער איז עוסק אין געשעפטן, גייט דער סוחר צושטעלן פאר'ן יושב אוהל אלע זיינע געברויכן, און בזכות דעם באקומען א האלב פון זיין תורה. אבער יעצט האט דער "לומד" געגעבן צו פארשטיין, אז ער האט נישט געמיינט צו זאגן אז ער איז גרייט צו דערלייגן א האלב פון זיין תורה, ער האט נאר מסכים געווען אז דער "זבולון" זאל אויך האבן עפעס א זכות און באקומען אויף דעם שכר.

לעומת זה, טענה'ט דער סוחר: "איך ווייס נישט קיין מעשיות! מ'האט קלאר אפגערעדט אויף 'האלב האלב' אן קיין חכמות"... און ער איז נישט גרייט געווען נאכצולאזן אויף וויניגער ווי האלב פון די זכות לימוד התורה.

נאכן אויסהערן דיביידע טענות, האט דער סקווירא'ער רבי זי"ע זיך אנגערופן מיט התלהבות: **"ביי חסידים איז געווען א פסק פון אור החיים הקדוש!"**... און ער האט זיי געוויזן וואס דער אור החיים הק' שרייבט אין פרשת כי תשא (שמות ל, יג) אויפן פסוק **"זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ"**, וזה לשון קדשו:

**"וְנִמְשָׁךְ גַּם כֵּן אוֹמְרוֹ 'כָּל הָעוֹבֵר' עִם שֶׁלְּמַטָּה, לוֹמַר תִּיקּוּן לְמִי שֶׁאֵינוֹ בֶּן תּוֹרָה בַּמֶּה יִתֵּן כּוֹפֶר נַפְשׁוֹ, כִּי הוּא בּוֹר רֵיק אֵין בּוֹ מַיִם, לָזֶה אָמַר כָּל הָעוֹבֵר וגו' יִתֵּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, כְּיִשָּׂשכָר וּזְבוּלוּן וְשִׁמְעוֹן אֲחִי עֲזַרְיָה וְרַבִּים כָּהֵם אֲשֶׁר יֶחֱצוּן כַּסְפָּם לַעֲמֵלֵי תּוֹרָה. וְאוֹמְרוֹ 'בְּשֶׁקֶל הַקּוֹדֶשׁ', פֵּרוּשׁ בְּעַד שֶׁקֶל הַקּוֹדֶשׁ שֶׁהוּא הַתּוֹרָה... עוֹד יִרְצֶה עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם זַ"ל (מנחות עז.) 'שֶׁקֶל הַקּוֹדֶשׁ כָּפוּל הָיָה', וּבָא לְהוֹדִיעַ כִּי מַה שֶּׁיִּטּוֹל מֵהַקּוֹדֶשׁ בְּעַד מַחֲצִית כַּסְפּוֹ, לֹא שֶׁיִּתְנַכֶּה מֵחֵלֶק הַלּוֹמֵד וְנִמְצָא כָּל אֶחָד אֵין בְּיָדוֹ אֶלָּא מַחֲצִית שְׂכַר, לֹא כֵן הוּא, כִּי 'שֶׁקֶל הַקּוֹדֶשׁ כָּפוּל הָיָה' וְנִמְצָא כָּל אֶחָד בְּיָדוֹ שֶׁקֶל שָׁלֵם, וְהָבֵן".**

האט דער סקווירא'ער רבי אויסגעפירט; נו, האבן מיר דאך א קלארן פסק פון אור החיים הק' אז דער שותפות ווערט געדאפלט! זבולון באקומט א געהעריגע שותפות אין יששכר'ס תורה, און עס ווערט גארנישט געמינערט פון יששכר, ס'איז דא גענוג פאר ביידע! עטס קענטס אהיימגיין רואיג...

ווען די סקווירא'ע רעבעצין מרת טראנא ע"ה - אשת חבר הרה"ק ר' יעקב יוסף מסקווירא זי"ע - איז נפטר געווארן, האט איר זון כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א דערציילט די אויבנדערמאנטע מעשה, צולייגנדיג אז זיין טאטע האט געשלאסן א **"יישכר-זבולון געשעפט"** מיט די רעבעצין - זיין מאמע - פאר די ערשטע צוויי יאר נאך זייער חתונה, און ער האט איר אוועקגעשאנקען א האלב פון זיין תורה פון יענע צוויי יאר! געוויס האט ער זיך סומך געווען אויף דעם אור החיים הק' אז ס'נעמט גארנישט אראפ פון זיין אייגענע חלק, האט דער סקווירא'ער רבי שליט"א אויסגעפירט.

## "דער רבי איז דא!"...

אין ספר **"אמרות טהורות"** (פרשת חיי שרה) דערציילט כ"ק אדמו"ר מרחמיסטריווקא זי"ע א מעשה וואס ער האט געהערט פון זיין שווער הרה"ק ר' יעקב יוסף מסקווירא זי"ע, איבער דעם ענין אז מ'נעמט ארויס פונעם אור החיים הק' א "הלכה למעשה", און אזוי דערציילט ער:

אמאל ווען עס האט געהערשט א שטארקע דחקות ביי הרה"ק ר' **יצחק מסקווירא** זי"ע אין שטוב, האט ער געלאזט רופן איינער פון די געהויבענע חסידים, הגה"ח ר' **נפתלי** זצ"ל דער דיין אין שטאט סקווירא וואס מ'האט אים גערופן **"ר' נפתלי דיין"**, און אים געבעטן ארויסצופארן צו די שטעטלעך ארום סקווירא שאפן "מעמדות געלט" צו קענען אויסהאלטן דעם חצר הקודש.

אונטערוועגנס איז ר' נפתלי אנגעקומען צום שטוב פון א גביר וועלכער פלעגט קביעות'דיג שטיצן דעם סקווירא'ער הויף, אבער ביים אריינגאנג האט אים דער משרת געזאגט אז דער גביר האט זיך פונקט יעצט אראפגעלייגט און ער קען אים נישט אויפנעמען. ער האט פארבעטן ר' נפתלי צו וואַרטן אינדרויסן ביז דער גביר וועט אויפשטיין און דעמאלט וועט ער אים אריינלאזן.

האט זיך ר' נפתלי געזעצט אינדרויסן אויף א באנק, און ביז דערווייל האט ער ארויסגענומען א חומש מיט אור החיים הק' און אנגעהויבן צו לערנען. עס איז געגאנגען דעמאלט פרשת שלח, און ר' נפתלי האט אנגעהויבן צו לערנען דעם אור החיים הק' אויפן פסוק **"שלח לך אנשים"** וואס ער זאגט דארט בזה הלשון: **"אוֹ אֶפְשָׁר לְצַד שֶׁכַּוָּנַת הַמְשַׁלְּחִים הָיְתָה רָעָה, תַּפְעִיל פֹּעַל הָרַע בַּשָּׁלִיחַ, וְיַחְזֹר לִהְיוֹת שְׁלוּחוֹ שֶׁל אָדָם כְּמוֹתוֹ, וְיִוָּלֵד בּוֹ תְּכוּנָה רָעָה מַה שֶּׁלֹּא הָיְתָה בּוֹ קֹדֶם, כְּדֶרֶךְ שֶׁתִּוָּלֵד בְּחִינַת הַקְּדֻשָּׁה בִּשְׁלוּחֵי מִצְוָה לְטוֹבָה אוֹת..."**

ר' נפתלי איז אויפגעשפרינגען. ס'טייטש, דער אור החיים הק' זאגט דא אז א שליח פאר א דבר מצוה באקומט א כח לטובה פון דער וואס שיקט אים! דאס הייסט, איך האב יעצט דעם כח פון דער רבי וואס האט מיר געשיקט! איז איין מינוט, אויף מיין אייגענע כבוד קען איך נאך פארקוקן, אבער ווי מעג איך פארשווייגן אז דער גביר לאזט דא דעם רבי'ן וואַרטן אינדרויסן?!...

ער האט זיך געגעבן א הייב אויף פון בענקל, און מיט פעסטע טריט אריינגעשפאנט גראד צום שטוב וואו דער גביר איז געלעגן און זיך אפגערוט. ער האט זיך גענומען קלאפן אויפן טיר מיט עזות דקדושה זאגנדיג: **"דער רבי איז דא! דער רבי איז דא!"** - - -

ווייל ביי חסידים איז געווען קליפ און קלאר, אז א וואָרט וואס דער אור החיים הקדוש זאגט איז א פאַקט! **אויב דער אור החיים הק' זאגט דאס - איז דאס דער מציאות!!!**

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוויוי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com